

LEON KOBRIN

1872-1946

Leon Kobrin, pioneer of American-Yiddish letters, came to this country in 1892 at the age of 20. By 1910 a volume of his collected stories, all written here, ran to almost a thousand pages. In addition to short stories, he wrote a number of successful plays for the Yiddish stage, as well as several novels. (His *"Ora the Beard"* was one of the first full-length Yiddish novels written in this country.) His memoirs are a vivid record of a turbulent period of American-Jewish experience. Much of his time, in the early years, was spent in translating Russian and French novels into Yiddish; in this work he had the help of his wife, Pauline, who was a translator and critic in her own right.

His first literary attempts at the age of 15 were in Russian. Like many others of his generation, Kobrin had to learn how to use Yiddish as a literary instrument. Here in America he found a large and expanding audience for Yiddish and he was soon writing about Jews in all walks of life and in a great variety of situations.

A writer of the realist school, his stories are filled with details describing the people and places he came to know and love. A good many of his stories are concerned with the conflicts and disappointments of the young Jewish radicals who came to this country imbued with revolutionary ideals of building a new and just society. Better than some of the other Yiddish writers of his time, he succeeded in depicting the moments of intense love, anger and passion which moved his characters; gifted with a natural sense of drama, he was able to reveal the clash of forces in American Jewry through the experiences of the individual Jews who peopled his stories.

Kobrin was more than a pioneer in American Jewish literature. He laid a good part of the foundation, too. He was among the first of the intellectuals of his generation to note the emerging of a new Jewish group entity in the United States and he grappled with this phenomenon in his work.

Pushcarts and Dreamers: Stories of Jewish Life in America, ed. Max Rosenfeld (NY, 1967)



# Little Souls

by Leon Kobrin

## קליינינקע נשמה'לעך

מיט יאָהרען צוריק האָב איך א קורצע צייט געאַרבייט אין א סיגאַר־פּאַבריק, וואו מען פלעגט ניט אָננעהמען קיין אידישע „הענד“.

הגם די פּאַבריק איז כמעט געווען אונזערע אן אייגענע, ד. ה., הגם זי האָט בעלאַנגט צו איינעם פון אחינו בני ישראל, אן אשכנזי, האָט דער פאָרמאַן פון דער פּאַבריק, מר. מעק'קאַרטי, אן איירישער דזשענטעלמאַן, תמיד אָבגעשיקט אן אידישען אַרבייטער, אויב אַזעלכער פלעגט קומען צו איהם פרעגען אויף אַרבייט, קיין ירושלים, און דערביי טאָקע פלעגט ער איהם אויך דערמאָנען, אז ער, דער אידישער אַרבייטער הייסט עס, זאָל, חלילה, ניט פערגעסען צו נעהמען מיט זיך די „וויסקערס“....*)

דער קאַדיק זאָל איהם נעהמען, דעם ליעבען מיסטער מעק'קאַרטי, אַזא פערברענטער ציוניסט איז ער געווען !...

ווי אַזוי דאָס קומט, וואָס ער האָט מיך אין זיין פּאַבריק אריינגענומען, וועט איהר פרעגען ? קיין ריכטיגען תירוץ ווייס איך ניט אויף דעם. זיכערער פון אַלץ איז, אַז ער האָט מיך אָנגענומען פאַר א „שפּאַניאָלען“, ווייל א ביסעל קוק איך טאַקע אויס ווי טאָרקוועמאַדאָ'ס א לאַנדסמאַן, און ווידער, בין איך געקומען פרעגען אויף „שפּאַנישע אַרבייט“.

ווי די מעשה איז, מיסטער מעק'קאַרטי האָט מיך אריינגענומען און דאָס איז דער עיקר...

איך זיץ צווישען צוויי דייטשען און אַרבייט. די אַרבייט איז א גוטע; דער מאַטעריאַל אַן אויסגעצייכענטער, און איך אַרבייט אויס זעהר שעהן...

מיסטער מעק'קאַרטי, א דיקער, קורצער, ברייטער מאַן פון מיטעלע יאָהרען, מיט א רויטען רונדען, ריין־געגאָלטען פנים, מיט דינע ליפּען אָהן

*) באָרד.

SOME YEARS AGO I worked for a short time in a cigar factory that did not hire Jewish "hands." Although the factory was practically "one of our own"—it belonged to one of our brothers in Israel, a German Jew—nevertheless, the foreman of the factory, Mr. McCarthy, an Irish gentleman, would always send a Jewish worker, if such would ever come looking for a job, "to Jerusalem." And at the same time he would also remind him—the Jewish worker—to "take his whiskers with him."

Devil take that dear Mr. McCarthy, that's the kind of fanatical Zionist *he* was!

How did it happen, then, that he hired *me?* I can't give you the real answer to that question. Most likely he took me for a Spaniard, because I do somewhat resemble one of Torquemada's *lantsleit,* and then again, I came in asking for work on "Spanish cigars." Whatever the case may be, Mr. McCarthy hired me and that's the main thing.

So I sit between two Germans and I work. The work is good; the material is outstanding. I am turning out fine cigars . . .

Mr. McCarthy is a short, thick-set man in his forties, clean-shaven, with thin lips, a red nose and a massive mug, with

וואָנציעס, מיט אַ רויטער נאָז, מיט אַ צוויי־גאָרענדיגער מאָרדע, מיט אַ שטאַרקען, דיקען נאַקען און מיט אַ גרויסען, רונדען קאָפּ, וואָס קוקט אויס סאַר, מחמת די האָר פון איהם איז נים לאַנג געווען קורץ אַרונטערגענומען מיט אַ מאַשינקע, — שטעהט זיך ביי אַ בעזונדער טישעל האַרט נעבען פענסטער, מיט אַ לעדערנעם לעצעל איבער די אויגען, מיט פערקאַשערטע אַרבעל און אין אַ קורצען שוואַרצען פאַרטוך, וואָס פערדעקט איהם נור ביז די קניע, און פּאַקט אין קעסטלעך סיגאַרען. און פּאַקענדיג די סיגאַרען, מאַהלט זיין מויל, ווי אַ מיהל און, נאַטירליך, וויצען, פון וועלכע די אַרבייטער לאַכען, צי עס איז דאָ פון וואָס, צי נים... וואָרום מיסטער מעק'קאַרטי, פערשטעהט איהר מיך, לאַכט אַליין פון זיינע וויצען מיט אַזאַ געלעכטער, וואָס הילכט אָב איבער דער פאַבריק, ווי דאָס הירזשען פון אַ פערד, און ווען ער אַליין לאַכט, ווערט אַן אַרבייטער מסתמא איהם אויך צוליעב טהאָן און לאַכען...

חוץ מיר דערקען איך צווישען די אַרבייטער אַרום זיך נאָך צוויי „אונאָפּיציעלע" אידען, וואָס האָבען זיך אויך אַהער אַריינגעשמוגעלט — איינער פון זיי איז אַ דאַרער יונגער מאַנטשיק, מיט אַ לאַנגער, דינער האַלז, מיט רויטע האָר, מיט זומער־שפּריינקלעך אויפ'ן פּנים, מיט דינינקע רויטע וואָנציעס אויף די ליפּען און מיט קליינצינקע כיטרע אויגעלעך, וואָס שפּרינגען פלינק אַרום פון דער ברעט, אויף וועלכער ער וויקעלט זיינע סיגאַרען, צו די סיגאַרען, וואָס ליגען שוין נעבען איהם אויפ'ן טיש פּאַרטיגע אין אַ קופּקע, און פון זיי צו זיין שכנ'ס קופּקע, און פון זיין שכנ'ס צו די סיגאַרען פון דעם אַרבייטער נעגענאיבער איהם, און דאַן צו מיסטער מעק'קאַרטי... זיי שפּרינגען אַרום אַהן אַן אָבהאַלט און בעת דעם דרעהט ער מיט זיין דינער האַלז און שמאָלע פּלייצעס און זיינע הענד אַרבייטען אויך בעת מעשה מעכאַניש אַזוי פלינק און אַהן אָבהאַלט, ווי זיינע אויגען... אַ שניט מיט דעם מעסער אין דעם וויקעל־בלאַט, אַ דרעה מיט דער האַלז און פּלייצעס, אַ קוק מיט די ליפּענדע אויגעלעך אַרום ברעט, אַרויסגעכאַפּט דעם נים־אויסגעאַרבייטען סיגאַר פון פּאַפּיר, צוגעלעגט איהם צו די ליפּען, אַריינגעכאַפּט איהם אין דעם וויקעל־בלאַט מיט צוויי פינגער און אַוועק איהם וויקלען... דערביי צימבעלט ער מיט די פינגער, אויסאַרבייטענדיג דעם סיגאַר, אַקוראַט ווי איבער אַ פּיאַנאָ, האַקט אָב דעם „טאָק" מיט אַ מאַשינקע און אַ גלעט געטהאָן דאָס קעפּעלע פון סיגאַר מיט די ליפּען, וואַרפט ער איהם צו צו זיין קופּקע פּאַרטיגע סיגאַרען און אַרבייט, און צימבעלט ווייטער אין איין אָטהעם, און וואַרפט די אויגלעך אויף אַלע זייטען, ווי אַ מייזעל פון איהר לאָך...

דער צווייטער „אונאָפּיציעלער" איד זיצט געגענאיבער איהם אויף דער אַנדער זייט טיש. ער איז אַ דיקער יונגער מאַן, מיט אַ פולען, גלאַט־ראַזירטען פּנים און מיט גרויסע אויסגעקאַטשעטע אויגען, וואָס קוקען תמיד ערנסט און פערוואונדערט, אַקוראַט ווי דעם יונגען מאַן'ס שוואַרץ־געקרויזטער קאָפּ וואָלט פול אָנגעפּאַקט געווען מיט עפּעס שווערע וועלט־פראַגען... דער דאָזיגער יונגער מאַן איז אַ לאַנגזאַמער אַרבייטער, בעטראַכט יעדע בלאַט טאַבאַק פון אַלע זייטען, איידער ער נעהמט איהם וויקלען, שניידט איהם לאַנגזאַם אַרום מיט'ן מעסער און ווען ער וויקעלט דעם סיגאַר, שפּאַרט ער זיך צו מיט דער ברוסט צום טיש און זיין האַנד מיט די פינגער, קוים וואָס זי קריכט... ער שוויצט ביי דער אַרבייט און סאָפּעט ווי אַ גאַנז...

אָט די דאָזיגע צוויי אונאָפּיציעלע אידען מיידען אימער אויס איינער דעם אַנדערען, קוקען זיך קיינמאָל נים אָן, אָט אַזוי ווי יענער נאַרישער פויגעל, וואָס אַז ער וויל זיך בעהאַלטען פון אַ שונא, בעהאַלט ער זיעם קאָפּ אונטער זיינע פליגלען, מיינענדיג, ווען ער וועט נים זעהן דעם שונא, וועט דער שונא איהם אויך נים זעהן... דער קאַדיק ווייסט זיי, פאַר וואָס זיי ווילען זיך נים דערקענען! נור עס דוכט זיך זיי ביידען אָב, הפּנים, אַז ווי נור זיי וועלען אויסריידען אַ וואָרט איינער מיט'ן אַנדערען, אַזוי גלייך וועט מיסטער מעק'־קאַרטי דערקענען, אַז זיי זיינען אידען און וועט זיי משלח זיין קיין ירושלים... פערשטעהט זיך, אַז מיך מיידען זיי אויך אויס: אַ איד דערקענט גלייך אַ אידען, מעג ער אפילו עהנליך זיין צו אַ שפּאַניאָל!...

פון מיסטער מעק'קאַרטי'ס וויצען לאַכען אָט דיביידע „אונאָפּיציעלע" מעהר פון די איבעריגע אַרבייטער. דער רויטער, דער דאַרער, מיט די קליינ־צינקע, ליפּעדיגע אויגעלעך, קייכט אויף אַ דינעם קול'כעלע און איז תמיד דער ערשטער, וואָס צולאַכט זיך פון דעם פאָרמאַן'ס וויץ, און דערביי קוויטשעט ער אַרויס יעדעס מאָל, ווען ער לאַכט, די ווערטער: „אָה, דזשיזוס"*)... דער צווייטער לאַכט שווער סאָפּענדיג, מיט אַ גראָבען און הייזעריגען קול, אַזוי ווי דאָס געלעכטער וואָלט זיך ביי איהם פון בויך אַרויסגעריסען... און זיינע

*) יעזוס.

אויגען בעת דעם ענדערען זיך נים אויף אַ האָאַר, קוקען, ווי נים זיי מיינט מען דאָס, ערנסט און פערוואונדערט...

אַ סך מאָל לאַכט ער נים וויסענדיג אַליין פון וואָס... גאָר נישט, ער הערט, אַז אַלע לאַכען, האַלט ער אויך אונטער די „קאָמערציע"... און אַמאָל טרעפט זיך, ווען אַלע האָבען שוין אָבגעלאַכט, כאַפּט ער זיך, אַז ער האָט נים געלאַכט, קוקט ער זיך אום צומישט אויף מיסטער מעק'קאַרטי'ן מיט אַזאַ מינע אויף זיין נאַרישען פּנים, וואָס רעדט, דאַכט זיך: „ווי איך בין אַ איד, אדוני פּריץ, איך האָב נים געהערט!"...

פיעל מאָל הויבט אָן צו שיטען מיסטער מעק'קאַרטי וויצען וועגען אידען, נאַרישע וויצען, אומגעלומפּערטע חכמה'לעך, פול מיט גיפטיגער אידיאָטסטווע. ביידע לאַכען איצט אויך, דער רויטער יונגער מאַן נאָך שטאַרקער, ווי געוועהנ־ליך, פערקוויטשעט פּשוט די פאַבריק, קריכט פון דער הויט, מען זאָל נור הער־רען, אַז ער לאַכט, קאַטשעט זיך אויף זיין שטוהל און דריגעוועט מיט די פיס... דעם אַנדערענ'ס, דעם דיקענ'ס געלעכטער קלינגט אין אַזאַ צייט אפילו גע־מלאכה'ט, מחילה, דאָך לאַכט ער, עפּעס האָט ער מורא נים צו לאַכען...

a thick, powerful neck and a big, round head which looks almost bald because the hair is clipped so close. He stands at a separate table near the window, a leather shade over his eyes, a short, black apron around his middle, his sleeves rolled up, and packs the cigars into boxes. And as he packs the cigars, his mouth keeps moving like a windmill, grinding out one joke after another, at which the workers, naturally, laugh hilariously, whether the joke is funny or not. Because Mr. McCarthy, you understand, always laughs loudly himself at his own jokes, a boisterous laughter that reverberates through the factory like the braying of a jackass. And since he himself thinks his jokes are sidesplitting, the workers, of course, agree with him . . .

Among the cigarmakers around me I recognize two other "unofficial" Jews who have smuggled themselves into this place. One of them is a slender young fellow with a long, skinny neck, red hair and freckles, with a thin red moustache over his lip, and with tiny clever eyes which dart here and there from the board on which he rolls his cigars, to the pile of finished cigars at his hand, to his neighbor's pile, to the pile of the worker across from him, and then to Mr. McCarthy. His eyes skip about ceaselessly as his skinny neck turns in every direction and his narrow shoulders and his arms move mechanically, as quickly and unceasingly as his eyes.

With a flick of the knife on the wrapper, a turn of his neck and shoulders, a glance of his leaping eyes around the workboard, he slides the unfinished cigars from the paper, touches it to his lips, slips it into the wrapper with two fingers, then deftly rolls it. All the time his fingers are moving nimbly in front of him as though he were playing a piano. Chop off the end with the cutter, smooth down the head of the cigar with his lips, toss it onto the pile of finished cigars, and his fingers never stop their "piano-playing" and his eyes keep skipping in all directions like the eyes of a mouse peering out of its hole . . .

The second "unofficial" Jew sits across from him on the other side of the table. He is a stout young man with a round smooth-shaven face and big round eyes always serious and puzzled-looking, as though his black curly head was crammed full of difficult world problems. This young man is a slow worker, inspects every leaf of tobacco on all sides before he starts to roll it, tries it carefully with his knife, and when he rolls the cigar he leans his chest against the table and barely moves his fingers. And all the while he sweats and gasps like a goose.

These two unofficial Jews always avoid one another, never look at each other, like that foolish bird which hides from an enemy by sticking his head under his wings, deducing that since he does not see his enemy, his enemy will not see *him*. Devil only knows why they refuse to recognize each other! But apparently they think that once they exchange a word, Mr. McCarthy will know they are Jews and send them both packing to Jerusalem. Naturally, they avoid me, too. One Jew can always spot another even when he looks like a Spaniard!

At Mr. McCarthy's jokes these two unofficial Jews laugh even louder than the other cigarmakers. The redhead, the skinny one with the tiny leaping eyes, squeaks in a thin little voice and is always the first to laugh at the foreman's joke. And as he laughs he squeals out the word "Jesus." The other one laughs in thick gasps, in deep, hoarse tones, as though the sounds were bursting out of his belly. And through it all his eyes never change their expression of earnest puzzlement. Often he laughs, not even knowing what he is laughing at. What's the difference? Everybody else is laughing, he might as well get into the act. And sometimes it happens that when all the others have finished laughing he realizes he has not even started yet and he looks up at Mr. McCarthy with an expression that says, "I swear, your Excellency, I didn't hear you!"

Often, Mr. McCarthy begins to spew out jokes about Jews, silly jokes, stale jokes, unfunny wisecracks full of venomous idiocy. Both of them laugh now, too, the red-headed young man even harder than usual; you can hear his squeals all over the factory, as he jumps out of his skin to make sure everyone has heard him and seen him holding his sides and stamping his feet. The laughter of the other one, the stout one, at times like this sounds a little unnatural—"Excuse me, I'm laughing, but I don't really feel like it . . ."

אָרעמע קליינינקע נשמה'לעך, אין זייער געלעכטער האָבען זיי זיך געזוכט צו בעהאַלטען פון זיך אַליין !...

נור איין האַלבע שעה אין וואָך זעהען זיך דיביידע אָן : דאָס איז שבת צווישען עלף און צוועלף אין דער פריה, ווען ער אַליין, „ברודער" וויסבערג, אַ איד מיט די ביינער, מיט אַ כפל־שמונה'דיגער נאָז, קומט אין פאַבריק פער־טהיילען צווישען די אַרבייטער די קאָנווערטלעך מיט דעם וועכענטליכען געהאַלט. ער געהט דאַן דורך די אַרבייטער מיט אַ לייטזעליגען שמייכעל אויף דעם עכט אידישען פּנים און לעגט אַוועק נעבען יעדען אַרבייטער אַ קאָנווערטל. דאַן קוקען זיך אָן די צוויי אונאָפיציעלע — דער רויטער דאַרער מיט דעם דיקען — און זייערע פּנים'ער שטראַהלען דאַן מיט עפּעס אַ מין התפּעלות און זיי ריידען, דאַכט זיך, „אָן אונזעריגער, פון אחינו בני ישראל"... און זיי קוקען דאַן דרייסטער, פרייער און שטאָלצער אַרום זיך... מחותנים פיהלען זיי זיך דאַן אין פאַבריק, נאָהענטע מחותנים... אָבער אָט געהט אַרויס ברודער וויסבערג פון שאָפּ, און אויס !

אַזוי קוק איך זיך צו צו דער טראַגי־קאָמעדיע פון די צוויי אונאָפיציעלע אידען אין שאָפּ. אַמאָל האָב איך אויף זיי רחמנות, זוך זיי צו פערענטפערען מיט דעם, אַז דער מענש טהוט אַלעס צוליעב דער שטיקעל ברויט, און אַמאָל פיהל איך אַ טיעפע פעראַכטונג צו זיי, איבערהויפּט ווען זיי לאַכען פון מיסטער מעק'קאַרטי'ס אַנטיסעמיטישע חכמה'לעך...

אַזוי געהען אַוועק עטליכע חדשים, ביז....

* * *

אַ פּאָאַר וואָכען פאַר ווייהנאַכטען איז אין פאַבריק שטאַרק „ביזי". מען דאַרף זעהר נויטיג נאָך „הענד". מיסטער מעק'קאַרטי אַנאָנסירט אין די צייטונגען פאַר נייע הענד, עס רופען זיך אָב, אָבער ניט גענוג. צווישען די, וואָס רופען זיך אָב אויף די אַנאָנסען, איז אויך דאָ אַ איד מיט אַ געלער, קאָלטענעוואַטער באָרד און מיט קורצזיכטיגע אויגען.

ער קומט אַריין אין שאָפּ מיט זיין געצייג אונטער'ן פּאַכווע, איינגעווי־קעלט אין פּאַפּיר, נעהמט אַרונטער די הוט, בלייבט שטעהן ביי דער טהיר מיט אַ פער'צרה'טער מיענע אויף זיין פּנים און קוקט מיט זיינע קורצזיכטיגע אויגען אין די זייט, וואו עס שטעהט מיסטער מעק'קאַרטי.

אַז די אַרבייטער דערזעהן די געלע קאָלטענעוואַטע באָרד און די געלע צושויבערטע האָאַר אויף זיין קאָפּ, שיסען זיי אויס מיט אַ טומעלדיגען געלעכ־טער... האַ־הו־האַ. כע־כע־כע !...

און אונזער אָפּיצעלע ?

לכתחילה, אַז זיי דערזעהן דעם אידען, ווערען זיי צומישט, עפּעס ווי דערשראָקען... באַלד אָבער קומט דער רויטער דאַרער צו זיך און צולאַכט זיך אויף זיי קוויטש און שרייט אויס :

— שאָלעמען אייזיק, דזשיזום !

און דער דיקער יונגערמאַן בויגט אויך צו זיין פּנים זעהר נאָהענט צום טיש, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט, דער קאָלטענעוואַטער איד זאָל איהם ניט בעמערקען, און לאַכט אויך מיט זיין גראָבען, הייזעריגען געלעכטער און זיינע אויסגעקאַטשעטע אויגען, ווי געוועהנליך, קוקען בעת דעם ערנסט־פערוואונדערט.

מיסטער מעק־קאַרטי צוזעצט די פרישע הענד אַרום טיש און אַז ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט זיי, שטעלט ער אָן זיינע אויגען אויף דעם אידען מיט דעם געלען, קאָלטענעוואַטען באָרד, וואָס שטעהט נאָך ביים טהיר מיט אַ בעטענדיגער מינע, טהוט אַ דרעה די האַנד אַרום זיין דיקער צוויי־גאָרענדיגער מאָרדע און רעדט אַרויס מיט אַ קול, נאָכמאַכענדיג כלומרשט ווי אַ איד רעדט, און זעהר וויציג, פערשטעהט זיך :

— העללאָ, ווהיסקערס !... אַרבייט ? ניטאָ. אין ירושלים געה !...

און דערביי צולאַכט ער זיך אַליין פון זיין וויץ, בויגט זיך אויס, טרייסעלט זיך מיט זיין גאַנצען שווערען קערפּער און זיין גלאַטער, דיקער, רויטער פּנים ווערט נאָך רויטער און די אויגען טרערען ביי איהם, און ער הירזשעט, הירזשעט געזונד און ווילד, ווי אַ זאַטער זשערעבעץ, בעת ער צושפּילט זיך...

די אַרבייטער, נאַטירליך, האַלטען איהם אונטער און די ביידע אונאָפיציעלע שטעהען אודאי ניט אָב פון דער „קאָמערציע", און עס קלינגט, און עס הילכט, און עס איז פרעהלאַך אין שאָפּ, אַזוי פרעהלאַך, אַז דער קאָלטענעוואַטער איד ביים טהיר, וואָס האָט אַרויסגערופען אָט די דאָזיגע שמחה, שטעהט דאָרט און שמייכעלט אויך מיט אַ רחמנות'דיגען, צרה'דיגען שמייכעל...

אויפ'ן סוף טהוט ער אָן די הוט, פערנייגט זיך נידעריג, זאָגט „גוד ביי", פערנייגט זיך נאָך אַמאָל און רוקט זיך אַרויס פון פאַבריק, אַזוי ווי אַ גנב.

— פערגעס דאָ ניט די ווהיסקערס ! — שרייט איהם נאָך מיסטער מעק־קאַרטי.

ווידער אַ שטורמדיגער געלעכטער...

— שאָלאָמען אייזיק, דזשיזוס ! — קוויטשעט דער רויטער דאַרער יונגערמאַן.

אויף מאָרגען אַנאָנסירט ווידער מעק־קאַרטי אין די צייטונגען, ווידער קומען איינציגע „הענד", און דער קאָלטענעוואַטער איד מיט דעם געצייג אונטער'ן פּאַכווע אויך צווישען זיי...

מיסטער מעק־קאַרטי שיקט איהם ווידער אָב קיין ירושלים...

ערשט דעם פערטען מאָל נעהמט ער איהם צו... ער קען זיך ניט העלפען, צופיעל בעשטעלונגען האָט ער אין זיין שאָפּ דיעזען פאַר־ווייהנאַכטען, אפילו דעם טייפעל אַליין וואָלט ער אַריינגענומען אַרבייטען !...

Poor little souls, in their laughter they try to hide from themselves!

Once a week they permit themselves to look at each other—the half hour on Saturday morning between eleven-thirty and twelve, when the Boss himself, "Brother" Weisberg, a solidly-built individual with a prominent nose, comes to the factory to distribute the pay envelopes. He strolls among his workers with a pleasant smile on his unmistakably Jewish face and lays an envelope beside each worker. Then the two unofficial Jews look at each other and their faces light up with a kind of ecstasy, as though they were signaling to each other: "One of ours, a brother in Israel!" At that moment they seem to look about them more boldly, more freely, more proudly. They feel like relatives to the factory, close relatives. But soon Brother Weisberg leaves the shop, and that's the end of it.

Day after day I sit and watch this tragi-comedy in the cigar factory. Sometimes I feel sorry for these two unofficial Jews; I try to excuse them—a man will do anything for his piece of daily bread. Sometimes I feel only bitter anger—especially when they laugh hysterically at Mr. McCarthy's anti-Semitic "jokes."

Things went along that way for several months. A few weeks before Christmas the place became extremely busy. Mr. McCarthy needed more hands. He advertised in the papers. Cigarmakers applied, but not as many as were needed. Among those that answered the want-ad was a Jew with a yellow, tangled beard and nearsighted eyes. He came into the shop with his tools wrapped in newspaper under his arm, took off his hat and remained standing at the door with a woebegone look on his face, his eyes peering in the direction of Mr. McCarthy.

The other workers took one look at the yellow, tangled beard and the yellow disheveled hair on his head, and burst into tumultuous guffaws.

And our "unofficial" ones? At first, when they saw him, they were flustered, even frightened. But immediately, the skinny one came to his senses and let out one of his squeals:

"Solomon Isaac, bejeezus!"

And the stout one bent his face until it almost touched the table, as though he were afraid the tangled-bearded Jew would notice his presence, and laughed his thick, grating laugh, and his big round eyes, as usual, filled up with a look of intense concentration.

McCarthy assigned the newly-hired hands to their places and when he finished with them he fixed his eyes on the Jew with the yellow tangled beard, who was still standing at the door with a beseeching look on his face. Mr. McCarthy rubbed his hand across his massive mug and bellowed: "Hollo, viskers! You vunt verk? Not here! Go to Jerusalem!" And he exploded with laughter at his own joke, he doubled up in hilarity, and his big body shook all over, and his coarse red face grew redder and redder, and his eyes teared and he neighed lustily and wildly like a well-fed stallion in heat.

The workers, naturally, supported him with a laughing chorus of their own, and the two "unofficials" did not stint their support either, and the whole shop resounded with such merriment that the bearded Jew at the door who had evoked all this fun smiled, too—a pitiful, sorrowful smile. Finally he put his hat back on his head, bowed low, said goodbye, bowed again, and backed out of the door like a thief.

"Don't forget to take your whiskers with you!" Mr. McCarthy yelled after him. Again a gale of laughter.

The next morning Mr. McCarthy's want-ad was in the papers again, again a few hands responded, and again the yellow-bearded Jew was among them. Mr. McCarthy again dispatched him cheerily to Jerusalem.

The fourth time around he hired him. He couldn't help himself. The Christmas orders had to be filled, even if the devil himself had to make the cigars!

אין פאבריק טהוען זיך מעשים, אומזיסטע קאמישע פארשטעלונגען האבען איצט מיסטער מעק־קארטי און די ארבייטער.

די ערשטע זאך בינדט זיך מיסטער מעק־קארטי צו די „קעפעלאך“ פון נחום טרייטעל׳ס סיגארען. ניט ריכטיג געמאכט, ניט גוט אויסגעארבייט זיינען זיי, כאטש אין דער אמת׳ן זיינען זיי בעסער אויסגעטאקט ווי די קעפלעך פון די מעהרסטע סיגארען, וואס די אנדערע ארבייטען. און אז מיסטער מעק־קארטי זאגט איהם, אז זיינע סיגארען זיינען נור גוט פאר ירושלים, דאן קוקט אויף איהם נחום טרייטעל אזוי הילפלאז, אזוי צומישט, מיט אזא אונגליקליכער מינע אויפ׳ן פנים, ווי א פערברעכער, וואס מען כאפט פאר א האנד, בעת ער איז בעגאנגען דעם פערברעכען און וועלכער ערווארטעט, אז אט־א, וועט מען איהם קירצער מאכען אויף א קאפ, לכל הפחות. די ארבייטער ארום לאכען דאן, נאטירליך, פון זיין צושראקענעם אויסזעהן און מיסטער מעק־קארטי, אום איהם נאך מעהר אנצושרעקען, רופט איהם נאך ארויס מיט אן ערנסטע מינע אויף א „פייט“, און דערביי נעהמט ער דרעהען זיינעביידע שטארקע פויסטען אונטער נחום טרייטעל׳ס קורצזיכטיגע אויגען... דער געלעכטער ווערט נאך שטארקער. מאנכע ארבייטער קאטעשען זיך פון זייערע שטולען, לאכענדיג. בענצע קוויטשעט אויפ׳ן גאנצען שאפ: „אה, דזשיזוס!“ אזש דער אטהעם פערכאפט איהם פון געלעכטער. דער דיקער יונגערמאן מיט די פערוואונדערטע אויגען שטיקט זיך אויך מיט זיין גראבען, הייזעריגען געלעכטער און ער, נחום טרייטעל?... ער קוקט צומישט, צושראקען מיט זיינע קורצזיכטיגע אויגען אויף מעק־קארטי׳ס שטארקע פויסטען פאר זיין פנים און, ווען זיי טהוען זיך א דרעה נעהנטער פאר איהם, טהוט ער א לייכטען ציטער מיט׳ן קערפער, פינטעלט מיט די אויגען און שמייכעלט דערביי מיט אזא שמייכעל, וואס איז עהנליך צו א שטומען וויינען...

איך האלט זיך איין קוים אויפ׳ן ארט. איך פיהל זיך בעליידיגט פאר דעם אידען, פאר דעם מענשען, פאר דעם ארבייטער, וואס ווערט אזוי ערניעדריגט אין דער קליינציגקער, אונגליקליכער פערזאן פון נחום טרייטעל... אז איך זאג איהם, ער זאל זיך ניט לאזען אזוי שפייען אין פנים, ענטפערט ער:

— עט, פאראיבעל האבען אויף א גוי חזיר? וואס קען מען זיך העלפען?

— דריקט ער מיט די פלייצעס — א איד איז אין גלות... זאל ער, אבי דעם פלאץ ניט פערליערען!...

און וואס לענגער ער ארבייט אין פאבריק, אלץ מעהר לאכט מען פון איהם. בשעת דינער רוקט איהם ארייז איינמאל א דייטשער ארבייטער א שטיקעל חזיר אין האנד און עס ווערט ליהודים׳דיג אין שאפ, ווען די ארומיגע ארבייטער בעמערקען, ווי נחום טרייטעל ווארפט ארוים פון האנד דעם שטיקעל חזיר מיט אזא מינע און כאפ, אקוראט ווי ער וואלט ארויסגעווארפען א הייסע, ברענענדיגע קויל, וואס האט איהם די האנד פערברענט...

דער פארמאן טהוט איהם אפט א צופ פאר׳ן בארד און פרעגט:

— הא דו יו דו, נאק טרייליק? *)

און נחום טרייטעל ענטפערט מיט אן אונטערטהעניגען שמייכעל דעם „אדוני פריץ“...

און איינמאל קעהרט זיך צוריק מיסטער מעק־קארטי א שכור׳ער אין שאפ פון דינער. געהט ער צו צו נחום טרייטלען פרעהלאך, מיט בלישצענדיגע, לאכענדיגע אויגלאך, נעהמט איהם אן פאר׳ן אקסעל און זאגט: — הא דו יו דו, נאק טרייליק?... און נעהמט איהם אן פאר דעם גרויסען, געלען קאלטענעוואטען בארד מיטביידע הענד און שלעפט צו דר׳ערד. נחום טרייטעל מיט אן ארונטערגעצויגענער אונטערשטער ליפ, ציהט זיך נאך זיין בארד,

*) וואס מאכסטו, נחום טרייטעל?

וואס מעק־קארטי שלעפט און קוקט אויף מעק־קארטי׳ן מיט זיינע קורצזיכטיגע, שטאהלענע אויגען, שווייגט, שצירעט מיט די ציהן און לאכט.

מיסטער מעק־קארטי׳ן איז דאס שטארק געפעלען און ער שרייט אוים:

— לוק עט דהי וויסקערס, באיעס, האו איט איז לעפינג!...*)

און שלעפט נחום טרייטעל׳ס בארד ארויף און אראב, אהער און אהין, רעכטס און לינקס, און נחום טרייטעל ציהט זיך מיט׳ן קאפ און א האלבען קערפער נאכ׳ן בארד נאך, דרעהט מיט די קורצזיכטיגע אויגען אויפ׳ן פארמאן, שצירעט מיט די ציהן, לאכט אדער וויינט, און שווייגט אלץ...

די ארבייטער לאכען. בענצע קוויטשעט, דער צווייטער, דער דיקער, דער שווערער, שטיקט זיך מיט זיין גראבען, הייזעריגען געלעכטער.

איך שפרינג דא אויף האלב פעררוקט פון פערדרוס און בעליידיגונג:

— בענצע! משה! — שריי איך אוים צום רויטען און צום אנדערען — וואס סקאליעט איהר מיט די ציהן? מען מאטערט א אידען? איהר זייט דאך אליין אויך אידען!...

און ווען איך שריי דאס אוים איבער׳ן גאנצען שאפ, ווערט פלוצים שטיל. מעק׳קארטי לאזט איין נחום טרייטעל׳ס בארד. די ארבייטער טהוען זיך א קעהר צו מיר, און בענצע און דער אנדערער בלייבען זיצען, ווי אונטערגעשאסענע, מיט רויטע פנים׳ער און צומישטע אויגען. איין נחום טרייטעל קוקט ארום זיך און שמייכעלט נאריש...

מיסטער מעק־קארטי פרעגט מיך, וואס שריי איך. איך ענטפער איהם גאנץ הייס, ער זאל לאזען דעם ארימען אידען צופריעדען.

— דו ביזט אויך א איד? — פרעגט ער און ווערט רויט פון כעס.

— יע, א איד — ענטפער איך, און דערלאנג איהם, ווי ער האט פערדיענט...

*) זעהט, קינדער, די בארד, ווי זי לאכט!...

Every day was now an event. Every day, Mr. McCarthy and the workers had a free comic show. First of all, McCarthy picked on Nochem's cigars. Not made right. Not finished right. Actually, they were better shaped and better finished than the cigars being turned out by the other workers. And when Mr. McCarthy kept telling him that his cigars were only good enough for Jerusalem, Nochem could only stare at him with a hapless expression on his face, like a criminal caught redhanded and expecting the worst.

The workers naturally laughed at his terror-stricken look, and Mr. McCarthy, to frighten him still more, would mockingly challenge him to "fight" as he waved his powerful fists under Nochem's nearsighted eyes. And the laughter would grow louder and louder. And Bentzi would squeal and hold his sides and the stout young man with the look of wonderment in his eyes would nearly choke laughing.

And Nochem Treitle? He would look confusedly at Mr. McCarthy's hammerlike fists and tremble and blink his eyes and smile with a smile that was akin to silent weeping.

Whenever this happened I could barely sit still. I felt personally insulted for this Jew, for this human being, for this fellow-worker, who was being so humiliatingly degraded in the unfortunate person of Nochem Treitle. When I advised him once not to let people spit in his face this way, he said: "Eh! I should feel insulted because of a Gentile pig? What can I do? A Jew is in Exile." He shrugged his shoulders. "Let him do whatever he wants, as long as he lets me work here . . ."

But the longer he worked there the more they laughed at him. One day at lunch-time a German worker stuck a piece of ham into Nochem's hand. The shop became a real circus when the other workers noticed how Nochem Treitle hurled the ham away from himself violently as though it were a hot coal.

Every once in a while the foreman would pull Nochem's beard and say in mock politeness: "How do you do, Nock Treylik!" And then one day Mr. McCarthy came back from lunch drunk. Gleefully he patted Nochem on the shoulder and said, "How do you do, Nock!" and grabbed hold of his yellow, tangled beard and pulled Nochem down to his knees. And Nochem, going down to the ground, looked up at Mr. McCarthy out of his nearsighted eyes and said nothing. His whole face contorted as he tried to smile.

"Look at whiskers, boys, he's laughing!" Mr. McCarthy was enjoying himself.

I leaped from my chair half-crazed with anger and humiliation. "Bentzi! Moishe!" I cried out in Yiddish. "Say something! Who cut out your tongues! They're hurting a Jew! You're Jews yourselves!"

The shop grew suddenly still. McCarthy let go Nochem's beard. The cigarmakers all turned to look at me. Bentzi and the other one sat paralyzed, their faces burning, their eyes frantic. Only Nochem Treitle moved, looking around at everyone and grinning grotesquely.

"What the hell are you jabbering about?" Mr. McCarthy asked me.

"Leave the poor man alone!"

"Oho! So you're a Jew, too!"

"Yes! a Jew!" And I hit him full force in the face.

ער טהוט זיך אַ וואַרף שלאַגען צו מיר. איך רוף איהם אין דרויסען, אויב ער וויל זיך שלאַגען מיט מיר...

אין שאַפּ איז שטיל בעת מעשה, ווי אויף אַ בית עולם...

פּלוצים וואַרפט זיך מיסטער מעק־קאַרטי צו נחום טרייטלען, כאַפּט איהם אַן פאַר'ן אַקסעל, טרייסעלט איהם און חייסט איהם געהן גלייך אחיים...

ער זאָל קומען שבת, וועט ער איהם בעצאָהלען... נחום טרייטעל ווערט ווייס, ווי קאַלך, און נעהמט זיך מיט ציטערנדיגע הענד פּאַקען זיין געצייג. ער קוקט בעת דעם מיט זיינע קורצזיכטיגע אויגען אויף בענצען און זיינע ליפּען מיט זיין געלען, קאַלטענעוואַטען באָרד טרייסלען זיך און ער שעפּצעט מיט גּעבעט:

— בענצע, אַ וואָרט וואַרף פאַר מיר אריין!...

בענצע מאַכט זיך, נאַטירליך, גע'פּגר'ט, גלייך ער הערט איהם ניט... און מיט די געצייג אונטער'ן פּאַכווע געהט נחום טרייטעל אַרויס אין אַ ווײילע אַרום, ווי אַ שכור'ער פון פאַבריק...

איך פּאַק מיר דערווייל איין מיינע סיגאַרען, צעהל זיי צו גאַנץ רוהיג און, פערפּאַקט מיינע געציינ, פאָרדער איך פון מיסטער מעק־קאַרטי'ן, ער זאָל מיר גלייך בעצאָהלען, און ער געהט טאַקי מיט מיר אַרונטער אין אָפּיס ניט־ווילענדיג און דאָרט קריעג איך וואָס מיר קומט...

* * *

אַרויסגעהענדיג אין דרויסען, פיהל איך פּלוצים — באַץ מיט אַ שווערע זאַך מיר איבער דער פּלייצע, באַץ און נאָך אַמאָל באַץ!... איך טהו זיך אַ כאַפּ צוריק, ווער שלאַגט עס מיך? ערשט נחום טרייטעל!...

ער שטעהט מיט זיין פּעקעל געצייג איבער מיר, מיט אַ צוקרימטען פּנים פון אויפרעגונג, מיט בייזע אויגען און עס וואַרפט איהם הענד און פיס...

— ממזר, — שיפּעט ער צווישען די אויסגעשצירעטע צייהן — ממזר, אַ מיתה משונה אויף אייך... אַזאַ גוטער פּלאַץ!... וואָס האַרט אייך מיין באָרד?... גאָר ניט, אַ איד זאָל נישט פערגינען אַ אידען!... אַך, ממזר, אַ מיתה משונה אויף אייך!...

מאַי, 1905.

Taken completely by surprise, he looked at me dumbly, but then came charging at me with his fists up. I braced myself, but suddenly he turned on Nochem Treitle and picked him up bodily.

"Get out, godammit! And don't come back till Saturday for your pay!"

Nochem's face grew white as chalk as he packed up his tools. He kept looking at Bentzi. His lips and his yellow tangled beard trembled as he whispered: "Bentzi, put in a good word for me!"

Bentzi, of course, didn't even hear him.

With his bag of tools under his arm, Nochem Treitle left the shop as though in a drunken stupor.

I sat down and packed my cigars, counting them calmly, and then picked up my tools.

"I want my pay now," I said to McCarthy, trying to keep my voice steady.

And Mr. McCarthy, to my surprise, as though someone were holding a gun at his side, walked across the room with me, told the girl in the office to pay me, and returned to the shop without another word to me or anyone else.

But as I stepped out of the building—crack! something heavy hit me across the shoulders, once, twice. I whirled around. It was Nochem Treitle, swinging his pack of tools, his face twisted in anger, his whole body shaking in fury.

"Nochem! What—"

"You bastard!" he cried between his clenched teeth. "Damn you! Such a good job! Who asked you to worry about my beard? Damn you! Couldn't stand to see another Jew making a living! Such a good job! You bastard!"